# UNIVERSITY COLLEGE LONDON

*University of London*

## EXAMINATION FOR INTERNAL STUDENTS

*For The Following Qualification:-*

*B.A.*

**Hebrew & Jew. Studs. C36: Intermediate Yiddish**

| | | |
|---|---|---|
| COURSE CODE | : | **HEBRC036** |
| UNIT VALUE | : | **1.00** |
| DATE | : | **08-MAY-03** |
| TIME | : | **14.30** |
| TIME ALLOWED | : | **3 Hours** |

03-C0663-3-30
© 2003 University College London

**TURN OVER**

C 36: INTERMEDIATE YIDDISH

Answer ALL questions. Give answers in complete sentences.

1. Rewrite these sentences in the past tense.
[10 marks]

1. דאָס קינד טוט נישט אויס די שיך.
2. מיר געבן אויס געלט פֿאַר גאָרנישט.
3. פֿרומע ייִדן היטן אָפּ די יום־טובים.
4. ער קלײַבט אויס אַ מתּנה אין געשעפֿט.
5. די גבירים לאָזן נישט אַרײַן דעם אָרעמאַן.

2. Make conditional sentences out of the following.
[10 marks]

1. עס איז ביליקער, קויף איך דרײַ העמדער.
2. דו ביסט רײַך, פֿאָרסטו קיין יאַפּאַן.
3. דו האָסט צײַט, קומסטו אויפֿן קאָנצערט.
4. איר טאָכטער איז קלוג, גייט זי אין אוניווערסיטעט.
5. דאָס וועטער איז שיין, גייען מיר שפּאַצירן.

3. Substitute a synonym from the words below, for the highlighted words.
[10 marks]

1. שמערל האָלצהעקער און זײַן משפּחה וווינען אין אַ קליין **שטיבל**. 2. צו שלאָפֿן אין אַזאַ שטיבל תּמיד איז נישט קיין **פֿאַרגעניגן**. 3. ער **כאַפּט זיך אויף** באַך האַלבער נאַכט. 4. ער גיסט זיך **געשווינד** אָפּ די נעגל. 5. ער טוט אָן דאָס כאַלאַטל און לויפֿט אַרויס אַן **שיין**. 6. „**גאָט**", זאָגט ער. „**אַצינד** איז די צײַט. בענטשט איך איך מיט אַן אוצר פֿון דײַנע אוצרות". 7. נאָכלויפֿנדיק דאָס פֿלעמל **דערמאָנט** ער **זיך** אַז עס איז שבת. 8. מיט דעם געלט וואָלט ער דעם ווײַב געקויפֿט אַ שטאָט אין דער ווײַבערשער שול. 9. **דאַכט זיך אים** אַז דער אוצר הייבט אָן צו גיין אַ ביסל פּאַמעלעכער. 10. ער וויל נישט מע זאָל טראַכטן וועגן זײַן **עשירות**. 11. דאָס פֿלעאל **שפּאַצירט** אַרײַן אין זײַן **שטיבל**. 12. שמערל האָלצהעקער איז געוואָרן אַ **גביר**.

| | | | |
|---|---|---|---|
| אָרט | הײַזל | רײַכקייט | ער מײנט |
| געדענקט | נחת | מיד | גייט |
| גיך | שטייט אויף | באָרוועס | |
| רבונו-של-עולם | איצט | | |

4. Supply the correct form of the adverb designating place.
[5 marks]

1. דער טעראָריסט וויל נישט זאָגן פֿון ------ ער איז געקומען.
2. מיר וואוינען דאָ אין לאָנדאָן, זומער־צײַט וועלן מיר זײַן אין פּאַריז.
מיר וועלן בלײַבן ------ דרײַ וואָכן.
3. 'איך בין געקומען ------ גלײַך נאָך דער מלחמה' האָט מײַן זיידע געזאָגט.
4. דורך ------ פֿאָרט מען פֿון לאָנדאָן קיין לובלין?
5. 'קום ------', זאָגט די באָבע. 'כ'וועל דיר געבן אַ שאָקאָלאַד'.

5. In Yiddish, use the following verbs in 5 separate sentences. Use the present or the past tense.
[10 marks]

1. מורא האָבן
2. חרטה האָבן
3. מוחל זײַן
4. מסכּים זײַן
5. רחמנות האָבן

6. Re-write the following sentences, putting the adjectives into the comparative form.
[5 marks]

1. דער בילעט איז טײַער.
2. די גוטע טאָכטער העלפֿט איר באָבען.
3. דער פֿעטער האָט אַלטע הינער.
4. דאָס קליינע קינד האָט פֿאַרבלאָנדזשעט.
5. די מעשה איז קורץ.

7. Write 15-20 lines in Yiddish about the writer I.L. Perets.
[15 marks]

8. Translate the following passage into English.
[15 marks]

ווּ קאָן זײַן דער רבי?

ווּ זאָל ער זײַן? מן הסתם אין הימל! וויניק געשעפֿטן האָט אַ רבי פֿאַר ימים־נוראים צו פֿאַרזאָרגן? ייִדעלעך, קיין עין־הרע, דאַרפֿן פּרנסה, שלום, געזונט, גוטע שידוכים, ווילן גוט און פֿרום זײַן, און די זינד זענען דאָך גרויס און דער שטן מיט זײַנע טויזנט אויגן קוקט פֿון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, און ער זעט, און פֿאַרקלאָגט, און מסרט... און — ווער זאָל העלפֿן, אַז נישט דער רבי?

אַזוי האָט דער עולם געטראַכט.

9. Carefully read the passage below ( a 'Letter to the Editor' taken from the Forverts newspaper, 1907).
Imagine you are the Editor and write a response (15-20 lines) to the reader in Yiddish. [20 marks]

חשובֿער הער רעדאַקטאָר:

איך בין אַן אַרבעטנדיקער מענטש און מיט צוויי און אַ האַלב יאָר צוריק האָב איך געשלאָסן שותּפֿות מיט אַן אַנדער אַרבעטער. מיר האָבן אײַנגענומען עטלעכע אַנדערע אַרבעטערס וועמען מיר האָבן גוט באַצאָלט, און מיר האָבן אַלע גוט פֿאַרדינט.

במשך פֿון די צוויי יאָר וואָס מיר האָבן געאַרבעט צוזאַמען, בין איך געווען קראַנק דרײַ וואָכן, אָבער מײַן שותּף וואָס האָט געאַרבעט מיט אַלע אַרבעטערס האָט מיר געגעבן די געוויינטלעכע העלפֿט פֿון די פֿאַרדינסטן. אַזוי ווי איך האָב נישט געאַרבעט דערפֿאַר האָב איך עס נישט געוואָלט נעמען, אָבער מײַן שותּף, אַן אָרנטלעכער מענטש, האָט מיר געגעבן די פֿולע העלפֿט.

מיט אַ צײַט צוריק איז מײַן שותּף קראַנק געוואָרן און די ערשטע צוויי וואָכן האָב איך אים אויך געגעבן אַ העלפֿט פֿון דעם פֿאַרדינסט. אָבער ווען איך האָב אים געוואָלט געבן זײַן חלק נאָך דער דריטער וואָך, האָט ער אים נישט געוואָלט נעמען. דעמאָלט האָט ער מיר דערקלערט אַז מע וועט דאַרפֿן אויפֿלייזן דאָס שותּפֿות ווײַל דער דאָקטער האָט אים געהייסן אויפֿהערן אַרבעטן. איך האָב געמוזט מסכּים זײַן דערויף.

איצט האָט מײַן געוועזענער שותּף אַן אַנדער קליין געשעפֿט, אָבער עס גייט אים נישט גוט. איך, פֿאַרקערט, האָב געאַרבעט אַ פֿולן סעזאָן מיט אַלע אַרבעטערס און האָב גוט פֿאַרדינט.

איך וואָלט געוואָלט וויסן אויב איך קום אַ חובֿ מײַן געוועזענעם שותּף, ווײַל זינט ער איז נעבעך קראַנק געוואָרן און איז אַרויס פֿון דעם שותּפֿות פֿאַרדין איך מער ווי געוויינטלעך. איך וויל אויך צוגעבן אַז איך האָב אַ ווײַב מיט קליינע קינדער, אָבער איך וויל נישט נעמען דאָס וואָס געהערט אַ צווייטן. אויב איר, הער רעדאַקטאָר, וועט מיר זאָגן אַז איך קום אים אַ חובֿ, וועל איך דאָס אויספֿילן.

מיט דרך־ארץ,
אַ לייענער